Jiddish

# איין קינד

## אַ סך שפּראַכן

Språknätet

BVC Bibliotek Öppen förskola Logopedi

# יישר-כּוח

**אײַער קינד איז איינס פֿון מיליאָנען קינדער, וואָס וואַקסן אויף אין מערשפּראַכיקע מישפּחות.**

## ווי אַזוי וועררן קינדער מערשפּראַכיק?

- אַזוי אַז שוועדיש וועט זײַן אײַער קינדס דאָמי־נירנדיקע שפּראַך, דורך זײַנס גלײַכן און אין דער שול, איז עס וויכטיק, אַז דאָס קינד וועט זיך קענען באַטייליקן אין דער מישפּחה-שפּראַך אין אַ סך פֿאַרשיידענע קאָנטעקסטן.
- האַלט אין רעדן די מוטערשפּראַך, אַפֿילו ווען דאָס קינד ענטפֿערט אויף שוועדיש. מוטיקט דאָס קינד צו ניצן די בשותּפֿותדיקע שפּראַך. ווײַזט דעם קינד, אַז איר שטאָלצירט מיט אײַער שפּראַך, אַפֿילו ווען אַנדערע רעדן זי ניט.
- אויב ניט איר און ניט אײַער פּאַרטנער זענען שוועדיש רעדערס, איז עס וויכטיק, אַז איר בײדע זאָלט קוקן פּאָזיטיוו אויפֿן קינד, ווען עס לערנט זיך אויס שוועדיש. אויב איר רעדט פֿאַרשיידענע שפּראַכן, איז עס וויכטיק, אַז איר האַלט טײַער די שפּראַך פֿונעם אַנדערן.

## מערשפּראַכיקע אַנטוויקלונג

- קינדער, וואָס וואַקסן אויף מיט אַ סך שפּראַכן, הייבן אָן רעדן אינעם זעלביקן עלטער ווי איינשפּראַכיקע קינדער.
- אַ מערשפּראַכיקע אַנטוויקלונג פֿאָלגט בכלל דעם זעלביקן פּראָצעס ווי יענעם פֿון איינשפּראַכיקע קינדער.

## שמועסט און זינגט אין «מוטערשפּראַך» מיט אײַער קינד.

- וואָס בעסער איר זענט בקי אין אײַער מוטערשפּראַך, אַלץ גרעסער זענען די שאַנסן זיך אויסצולערנען אַן אַנדער שפּראַך.
- וואָס מער איר הערט און רעדט אַ שפּראַך, וואָס גרינגער ווערט איר.
- אַז אַ קינד שפּילט זיך מיט אַנדערע קינדער, וועלן זיך אַנטוויקלען אי די צווישנקאָנטאַקטן אי די שפּראַך-פֿעיִקייט. אָט דערפֿאַר איז עס גוט זיך צו טרעפֿן און צו האָבן צווישנקאָנטאַקטן מיט קינדער פֿון זײַן/איר עלטער, וואָס רעדן די זעלביקע שפּראַך.

## איינשאַפֿן זיך אַ שפּראַך הייבט זיך אָן פֿרי.

- שוין ווי אַ וולד הייבט דאָס קינד אָן צו דער־קענען די שפּראַך פֿון דער מאַמען. שטודיעס האָבן געוויזן, אַז בייביס אין עלטער פֿון פֿיר טעג ווילן ליבערשט די שפּראַך פֿון דער מאַמען, גערעדט פֿון אַן אַנדער פֿרוי, איידער אַ נדערע שפּראַכן, וואָס עס רעדט די זעלביקע פֿרוי.
- אַלע שפּראַך-קלאַנגען פֿון דער גאָרער וועלט זענען פֿאַראַן אינעם לעפּעטשען פֿונעם זייגקינד, אָבער ס׳זענען נאָר די אַרומיקע שפּראַך-קלאַנגען, וואָס דאָס קינד האַלט בײַ זיך.
- אין עלטער פֿון 10 חדשים «רעדט» דאָס קינד אין לאַנגע, לעפּעטשענדיקע מאָנאָלאָגן מיט אַ ריטעם און טראָפּ, וואָס זיי דערמאָנען אין דער שפּראַך פֿונעם אַרום.

- מערשפּראַכיקע קינדער לערנען זיך אויס אין זייער פֿריִע יאָרן צו פֿונאנדערשיידן צווישן זייערע שפּראַכן. אַזוי אַרום ווערן זיי שפּראַכן-וויסיק פֿריִער פֿון איינשפּראַכיקע קינדער.
- די פֿאַרשיידענע שפּראַכן פֿונעם קינד וועלן דאָמינירן אין פֿאַרשיידענע תּקופֿות פֿון איר/זײַן לעבן.

**זיך גוט אויסצולערנען אַ שפּראַך מיינט, צו פֿונקציאָנירן אין דער סבֿיבֿה וואו מען געפֿונט זיך.**

**אויב די סבֿיבֿה איז אַ מערשפּראַכיקע, דאַרף דאָס קינד אַלע זײַנע/אירע שפּראַכן.**

**דאָס געפֿיל און דאָס באַדערפֿעניש צו זײַן אַ טייל פֿון מענטשן, וואָס דאָס קינד האָט ליב און איז נאָענט צו זיי, באַשטימט די שפּראַך אָדער די שפּראַכן, וואָס דאָס קינד וועט זיך אויסלערנען.**

דער בעסטער אופֿן פֿאַרן קינד זיך אויסצולערנען אײַער שפּראַך איז מיט הילף פֿון פֿאַרלאַנג און הנאה. טאָ פּרוּווט אויפֿמונטערן דעם אינטערעס און זינגט, שפּילט און דערציילט מעשׂיות. און ווען דאָס קינד עלטערט זיך — לייענט צוזאַמען. **די ביבליאָטעק האָט קינדערביכער אין אַ סך פֿאַרשיידענע שפּראַכן.**

## קיין זאַך קען ניט פֿאַרנעמען דאָס אָרט פֿון פּלוידעררייד.

דער בעסטער אופֿן זיך אויסלערנען רעדן – צי דאָס איז איין שפּראַך אָדער מער — איז די אינטעראַקציע מיט אײַך אָדער אַנדערע וויכטיקע מענטשן. אָבער געוויינטלעכע פּלוידעררייד איז דאָס סאַמע וויכטיקסטע!

## ווען זאָל מען קאָנטאַקטירן אַ רעד-טעראַפּיסט?

- ווען איר מיינט, אַז די שפּראַך-אַנטוויקלונג פֿונעם קינד איז פּאַמעלעכער פֿון די ברידער און שוועסטער און זײַנס/אירס גלײַכן אין איר/זײַן שײַכדיקער סיטואַציע און עלטער.
- ווען דאָס קינד האָט געלעבט לענגער פֿון אַנדערטהאַלב ביז צוויי יאָר אין אַ שוועדישער שפּראַך-סבֿיבֿה (פֿאַרשול, קינדהיטער) און רעדט נאָך אַלץ נישט קיין "טאָגטעגלעך שוועדיש" ווי מע וואָלט זיך געריכט.

דעמאָלט זאָלט איר קאָנטאַקטירן די קראַנקן-שוועסטער פֿונעם קינדס אָפּהיט-צענטער(BVC) אָדער אַ רעד-טעראַפּיסט.

אין Språknätet (ספּראָקנעטעט) אַרבעטן צוזאַמען BVC, ביבליאָטעק,
אָפֿענע פֿאַרשול און רעד-טעראַפּיע אינעם אופּסאַלאַ קרײַז.

Text: Monica Westerlund, docent, leg. logoped. Foldern är uppdaterad 2019. Grafisk produktion: Byrå4.